# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## זמירות שבת

### השי"ת וויל נאר הערן אונזער זמירות

**די** ספרים ברענגען [עי' במנות הלוי אסתר א' פסוק ח' ד"ה ואני שמעתי מפי זקן אחד] אז א ניי געבוירן קינד האט ליב צו הערן זינגען, און דעריבער שטילט א מאמע איין איר קינד ווען ער וויינט אז ער זאל איינשלאפן דורך דעם וואס זי זינגט פארן קינד, ווייל דאס קינד איז געווען איינגעוואוינט צו הערן דאס זינגען אין הימל, און ער שפירט נאך דעם זיסן טעם פון זינגען, ווייל איידער א קינד זינדיגט געדענקט ער נאך דעם זיסן טעם וואס ער האט געהערט אין הימל, די געזאנגען פון די מלאכים, און דעריבער בארואיגט זיך דאס קינד. אבער שפעטער ווען מען זינדיגט פארגעסט מען דעם זיסן טעם.

**אזוי** אויך האבן זיך געפירט די קדמונים ווען זיי האבן זיך אפגעזונדערט פון דער וועלט - זיי האבן געזינגען פאר השי"ת, ווייל דער היכל פון נגינה איז פון די היכלות וואס זענען נאנט צו אונז און דערגרייכט אויך ביז צו די אויבערשטע היכלות.

**דעריבער** פאסט זיך אין דעם טאג פון שבת, ווען מיר באקומען א נשמה יתירה וואס קומט אראפ פון נעבן דעם כסא הכבוד, אז מיר זאלן אין די צייט זינגען פאר השם יתברך'ס כבוד. דאס איז דער ענין פון זינגען שבת זמירות פאר השם יתברך. **שומר אמונים מאמר צהלי ורני פ"ב**

**שטייט** אין ספר עבודת הקודש [ח' התכלית פ"י] אז וויבאלד די נשמה קומט פון הימל וואו זי איז געווען געוואוינט אין ניגונים דורך הערן דאס זינגען פון די מלאכי השרת און פון די גלגלים אין הימל, דעריבער ווען די נשמה איז אין א גוף און זי הערט זינגען האט זי א פארגעניגן אזוי ווי זי איז געווען געוואוינט ווען זי איז געווען באהאפטן אין איר שורש.

**לויט** דעם קען מען זאגן א טעם פארוואס שבת קודש זינגט מען זמירות, וויבאלד שבת באקומען מיר א נשמה יתירה וואס קומט פון די העכערע הימלען, און די חז"ל זאגן אז ווען מען היט אפ שבת איז השם יתברך מוחל די עבירות, דעריבער זינגען מיר זמירות, כדי די נשמה יתירה זאל הערן דאס געזאנג וואס זי איז געוואוינט דערמיט פון די מלאכים אין הימל, ווייל אויב מען האט נישט קיין עבירות איז מעגליך זיך צו דערמאנען דעם זיסן טעם פון נגינה פון הימל. **המלקט**

**שבת** און יום טוב זאל מען וואס מער זינגען שיינע געזאנגען ביים טיש, ווייל די עבודה איז זייער חשוב ביי הקדוש ברוך הוא. אלע מלאכים אין הימל און אלע הערשאפטן פון הימל באדינען זיך מיט די עבודה פון זינגען פאר השם יתברך, דערפאר פאסט זיך אז יעדער איינער זאל זינגען פון די שיינע זמירות וואס די חכמי הדורות האבן אין יעדן דור מתקן געווען, די טויזענטער און צען-טויזענטער שירות ותשבחות אויף יעדע שפראך. **פלא יועץ מערכת שיר**

**די** משנה [שבת נ"א] זאגט, כָּל בַּעֲלֵי הַשִּׁיר יוֹצְאִין בְּשִׁיר וְנִמְשָׁכִין בְּשִׁיר - אלע בהמות וואס גייען שטענדיג מיט א רינג ארום זייער האלז וואס אין דעם רינג איז אנגעבונדן א שטריק צו פירן די בהמה, מעגן זיי אום שבת אויך ארויסגיין מיט א רינג, און אויב דער מענטש וויל קען ער ציען די בהמה מיט דעם שטריק וואס איז אנגעבונדן אינעם רינג.

**קען** זיין א רמז אין די משנה אז 'כָּל בַּעֲלֵי הַשִּׁיר' מיינט די אלע אידן וועלכע זינגען זמירות פאר השם יתברך, 'יוֹצְאִין בְּשִׁיר' - דורכדעם וואס זיי זינגען גייען זיי ארויס פון אלע שלעכטע צרות און פון אלע נסיונות, 'וְנִמְשָׁכִין בְּשִׁיר' - דורך דעם כח פון זינגען זמירות ווערן זיי צו געצויגן צו

השם יתברך, ווייל דורכן זינגען ווערט אין הימל א גרויסער עת רצון, און פון אלע דינים ווערן רחמים און חסדים, אז מען זאל דורכדעם קענען ממשיך זיין ברכות מיט גוטע השפעות. **דברי אמת תרומה**

## דער שבת אליין זינגט

**הגה"ק** החדושי הרי"ם זי"ע איז געווען ביי די גרויסע חתונה אין אוסטילא, וואו כמעט אלע צדיקים אין יענעם דור זענען זיך צוזאמען געקומען, האט ער געהערט פון הגה"ק מאפטא זי"ע, וואס האט געזאגט: הקדוש ברוך הוא איז אזוי דערהויבן, אז קיין שום בריה קען נישט צוקומען אים צו דעגרייכן אים צו לויבן. נאר דער שבת קודש עפנט זיך און הייבט אן צו לויבן השם יתברך און זאגט: 'מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַה'', און וויבאלד דער שבת איז מעורר אז עס איז גוט צו לויבן השם יתברך, 'לְפִיכָךְ יְפָאֲרוּ וִיבָרְכוּ', עפענען זיך די אויגן פון אלע מענטשן אז מען קען אויך מיטלויבן השם יתברך.

**דער** חידושי הרי"ם האט געזאגט דערויף, אז פון דאס זיסקייט פון די תורה האט ער א דריי פערטל יאר זיך געקאכט דערין. **שפתי צדיק בשלח**

## פארוואס זינגט מען נאר שבת זמירות

**דער** טאג שבת איז גוט צו לויבן און צו זינגען צו השם יתברך'ס נאמען מער ווי א גאנצע וואך, ווייל אין דעם טאג איז דער מענטש פריי פון זיין שווערן ארבעט, זיין נשמה איז ריין פון דעם פלאג פונ'ם גוף, די נשמה באשעפטיגט זיך מיט חכמה און מיט עבודת השם, און דעמאלטס טרעפט די העכערע נשמה א פלאץ צו לויבן השם יתברך.

**רד"ק תהלים צ"ב ב'**

**הרה"ק** רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע איז מסביר דאס ענין פארוואס אין די וואכן טעג זינגט מען נישט קיין זמירות אזוי ווי מען זינגט אום שבת, מיט די הקדמה: השם יתברך האט באשאפן דעם מענטש מיט זיבן טויערן, וואס דאס זענען: די צוויי אויגן, די צוויי אויערן, צוויי נאז לעכער, און איין מויל.

**ער** ערקלערט די זאך אזוי: א מענטש דארף האבן צוויי אויגן, כדי מיט איין אויג זאל מען זען דאס גרויסקייט פון הקדוש ברוך הוא, און מיט די צווייטע אויג זאל מען זען די אייגענע פעלערן.

**די** צוויי אויערן זענען באשאפן געווארן, כדי מיט איין אויער זאל מען הערן דעם בת קול וואס גייט ארויס יעדן טאג פון בארג חורב, וואס יעדער איד הערט דעם קול ווען השם יתברך איז אים מעורר די שכל ווען ער איז מעיין אין די תורה. די צווייטע אויער איז באשאפן געווארן צו דערהערן די אייגענע שאנד.

**די** צוויי נאז לעכער זענען באשאפן געווארן: איינס צו שמעקן דעם געשמאקן גערוך פון השם יתברך, וועלכע איז די ריח פון די תורה וואס שמעקט ווי דער גוטער אויל וואס ווערט איבערגעגאסן פון איין כלי צו די צווייטע כלי. דער צווייטער לאך איז באשאפן געווארן צו שמעקן דעם אייגענעם שלעכטן גערוך.

**אבער** א מויל האט השם יתברך נאר באשאפן איין, ווייל מיט דעם מויל טאר מען נישט קיין שלעכטס, אפילו אויף זיך אליין, ווייל מען פארדינט גארנישט ווען מען רעדט שלעכטס אויף זיך.

**דאס** איז דער טעם פארוואס אין די וואכן טעג זינגט מען נישט קיין זמירות, ווייל וויאזוי וואגט זיך א מענטש וועלכע איז געבוירן געווארן פון אן אשה צו זינגען פאר השם יתברך וועלכער איז געלויבט מיט רוהם. אבער שבת, וועלכע איז א בחינה פון 'וּשְׁכִינָה מְדַבֶּרֶת מִתּוֹךְ גְּרוֹנוֹ', ווי די הייליגע שכינה רעדט ארויס פון מויל, דאן מעג מען, און עס איז א מצוה אז מען זאל וואס מער זינגען שירות ותשבחות פאר השם יתברך.

**דאס** איז אויך דער מנהג ישראל פארוואס שבת בענטשט מען די קינדער, ווייל באמת איז הקדוש ברוך הוא אליין דער וואס בענטשט די קינדער, ווייל שבת רעדט די שכינה ארויס פון דעם מענטש'ס מויל, און איז מסכים צו די ברכה.

**מנחם ציון בשלח**

**שבת** ווערט אנגערופן שבת מלכתא, וואס איז די בחינה פון די מדה פון מלכות, און וויבאלד מלכות ווערט אנגערופן 'פה', דערפאר איז שבת א מצוה אז מען זאל זינגען און לויבן השם יתברך מער ווי אלע אנדערע טעג פון די וואך.

**מאור ושמש פ' החודש**